בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת ויקרא
ז' ניסן שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 16
(31)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, יז שְׁבַט, יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז, מִזְבּוּב וְעַכְבִּישׁ [חֵלֶק ב], אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ.

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה:**

**אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין נְסִיעָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיהַאט.**

דֶער רֶבִּי אִיז דָא מְרַמֵּז אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט בְּשַׁעַת זַיין נְשָׁמָה הָאט גֶעדַארְפְט אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט בִּיז עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען.

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גִיהַאט כַּמָּה מִלְחָמוֹת שְׁוֶועֶרע אוּן הָאט זֵיי כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אַיין גִינוּמֶען) אוּן הָאט גִינוּמֶען אַסַאךְ שְׁבוּיִים. (אֶפְשֶׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר דֶערְצֵיילִין וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין).

אִין דִי וֶוערְטֶער: "אֶפְשֶׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר דֶערְצֵיילִין וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין" - לִיגְט גָאר אַ וִויכְטִיגֶע יְסוֹד וָואס מֶען דַארְף צוּ ווִיסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ צַדִיק; אוֹיף יֶעדֶע צַדִיק זֶענֶען שְׁוֶוער קַשְׁיוֹת, 'פַארְוָואס הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטוּן?', 'פַארְוָואס הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט?' וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז אַ צַדִיק קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין אִים אוּן טוּן וָואס עֶר הֵייסְט אָן פַארְשְׁטֵיין.

## קַשְׁיוֹת

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט
<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

ביים הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט אמאל פאסירט אז ער האט געשיקט זיין תלמיד הרה"ק רבי דוד מיקולייב זכותו יגן עלינו ער זאל פארן קיין בוקאווינע צו ברענגען וויין פאר קידוש און הבדלה, פאר פסח און פאר א גאנץ יאר; וייל דארט אין אוקריינע, וואו דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געוואוינט איז נישט געווען צו באקומען קיין גוטע טרויבען פאר וויין.

נאך אינמיטן ווינטער האט זיך ר' דוד ארויסגעלאזט אויף דעם לאנגן און שווערן וועג קיין בוקאווינע צו ברענגען וויין פאר זיין הייליגן רבי'ן, מיט'ן ציל אז עס זאל שוין זיין גרייט אויף פסח. אנקומענדיג אהין איז ער אליין ארומגעגאנגען זוכן די בעסטע טרויבן, ער האט אליין געשניטן די טרויבן און עס אהיימגענומען צו זיין אכסניה, ער האט אליין געקוועטשט די טרויבן און געמאכט די וויין, ווען אין די זעלבע צייט האט ער גאר שטארק אכטונג געגעבן אז קיינער זאל נישט קענען צוקומען צו די וויין. ער האט געהיטן אויף די וויין ווי אן אויג אין קאפ, אפילו ביינאכט פלעגט ער שלאפן נעבן די וויין, קיין איין מינוט האט ער נישט מסיח דעת געווען פון די וויין. ער האט געטון אלעס וואס ער קען אז ער זאל ברענגען פאר זיין רבי'ן די בעסטע און די מערסט מהודר'דיגסטע וויין וואס איז נאר מעגליך.

נאך די לאנגע וואכן פון שווערע ארבעט האט ער שוין ענדליך געקענט ארויפלאדענען די פעסער וויין אויפ'ן וואגן, און זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג צוריק. אויך אין לויף פון די גאנצע וועג האט ער זייער אכטונג געגעבן אויף די וויין.

ווען ער איז שוין אנגעקומען פאר'ן הויז פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, האט ער געשפירט א דערלייכטערונג אויפ'ן הארץ אז ער האלט שוין דא, אבער פונקט דעמאלט איז ער געווארן אפגעשטעלט דורך א פאליציאנט וועלכער האט שטרענג געפאדערט צו וויסן וואס עס ליגט אין די פעסער אויפ'ן וואגן.

רבי דוד האט אים געזאגט דעם אמת

<<<

אַ לֶענְגֶערֶע מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג) פוּן אַבָּא חִלְקִיָּה, אַן אֵיינִיקְל פוּן חוֹנִי הַמְעַגֵּל; וֶוען מֶען הָאט גֶעדַארְפְט רֶעגְן פְלֶעגְן דִי חֲכָמִים שִׁיקְן צוּ אִים עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין, וֶוען עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פְלֶעגְט קוּמֶען רֶעגְן. אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט רֶעגְן, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעשִׁיקְט צוּ אִים צְוֵויי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אִים בֶּעטְן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגְן, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין הוֹיז אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעפוּנֶען, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד אִים זוּכְן, הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען וִוי עֶר אַקֶערְט אִין פֶעלְד, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, פַארְנַאכְטְס וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרְבֶּעטְן אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי צְוֵויי זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן זֵיי צוּגֶעזֶען עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען; וֶוען עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי הֶעלְצֶער אַהֵיים צוּ טְרָאגְן, הָאט עֶר גֶעטְרָאגְן דִי הֶעלְצֶער אוּן זַיין הַאק אוֹיף אֵיין אַקְסְל אוּן זַיין קְלֵייד אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אַקְסְל. דֶעם גַאנְצְן וֶועג בִּיז צוּ זַיין הוֹיז הָאט עֶר נִישְׁט אָנְגֶעטוּן קַיין שִׁיךְ אוֹיסֶער וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַואסֶער דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעטוּן זַיין שִׁיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען דָא דֶערְנֶער הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי עֶקְן פוּן זַיין קְלֵייד עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן פוּן דִי דֶערְנֶער, אֲפִילוּ וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ צֶערִיבְּן זַיין פִּיס פוּן דִי דֶערְנֶער. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אִיז זַיין וַוייבּ אִים אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען שֵׁיין בַּאצִירְט מִיט צִירוּנְגֶען וְכוּ'. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז, אִיז זַיין וַוייבּ אַרַיין צוּם עֶרְשְׁט, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר זֵיי אַרַיינְגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ. עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן בְּרוֹיט, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "קוּמְט עֶסְן מִיט מִיר". עֶר הָאט גֶעטֵיילְט בְּרוֹיט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דֶעם עֶלְטֶערְן זוּן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אֵיין שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוּן פַאר דֶעם יוּנְגֶערְן זוּן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ בְּרוֹיט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ שְׁטִילֶערְהֵייט: "אִיךְ וֵוייס אַז דִי רַבָּנִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגְן, לָאמִיר אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן דַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּהֶערְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען רֶעגְן, אָן דֶעם וָואס דִי רַבָּנָן זָאלְן ווִיסְן אַז דָאס קוּמְט דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת", זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אֵיין ווִינְקְל אוּן זַיין וַוייבּ בַּיי אַ צְוֵוייטֶע ווִינְקְל, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען רֶעגְן, דִי רֶעגְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי זַייט וואוּ זַיין וַוייבּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען.

וֶוען עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען הָאט אַבָּא חִלְקִיָּה זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעקוּמֶען?" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז

---

אז דאס איז וויין וואס ער האט געברענט פון בוקאווינע, דער פאליציאנט האט אים אבער נישט געוואלט גלייבן, ער האט מורא געהאט אז דאס איז אפשר ברוינפן וואס ער באהאלט אין די פעסער, וואס דאס איז דאן געווען פאבאטן לויט'ן געזעץ. דער פאליציאנט האט ארויסגענומען זיין שווערד און ארייגעשטאכן אין די פעסער צו זען וואס זיי ענטהאלטן, און נאכדעם וואס ער האט פארזוכט אביסל דערפון און זיכער געמאכט אז עס איז טאקע נאר וויין און נישט קיין ברוינפן, האט ער זיך אנטשולדיגט פאר רבי דוד פאר'ן אים חושד זיין אומזיסט, און איז אוועקגעגאנגען.

רבי דוד האט אבער יעצט גארנישט געהאט פון די גאנצע וויין, נאכדעם וואס דער גוי האט שוין געטרינקען דערפון און עס געמאכט פאר יין נסך. די גאנצע שווערע הארוואניע וואס ער האט אריינגעלייגט אין די וויין פאר אזוי לאנג איז יעצט געגאנגען לאיבוד, ממש פאר'ן הויז פון זיין הייליגן רבי'ן. ער האט נישט געקענט אויסהאלטן דעם גרויסן צער, ער איז אריינגעגאנגען צום הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו און האט אויסגעבראכן אין א געוויין: "הייליגער רבי, איך האב אזוי שווער געארבעט פאר די וויין, און פונקט יעצט האט דאס געמוזט געשען צו מיר. וואס האט איך געזינדיגט? וואס האט איך שלעכטס געטון? אז עס איז זיך מיר געקומען אזא שווערע שטראף?"

דער הייליגער בעל שם טוב האט אים געענטפערט: "איך בין זיכער אז דו האסט פרובירט מיט די בעסטע כחות אכטונג צו געבן זייער גוט אויף די וויין; איין זאך האסטו פארגעסן , האסט פארגעסן דעם פסוק אין תהלים (קכז, א): "אִם ה' לֹא יִשְׁמָר עִיר שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר", אפילו דו זאלסט זיך אנשטרענגען צו היטן א זאך מיט אלע כחות, וועסטו דאס אבער נישט קענען באוויזן אן דעם אייבערשטן. דו וואלסט געדארפט די גאנצע צייט בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל היטן אויף די וויין, און דאן וואלט עס נישט צוגעקומען צו דעם פראבלעם".

(קונטרס 'א כשר'ן פסח')

גֶעשִׁיקְט, מִיר זָאלְן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף רֶעגְן", הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן רֶעגְן אָנְדֶעם וָואס אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין דֶערוֹיף!" [עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין]. הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט פַאר אַבָּא חִלְקִיָּה: "מִיר וֵוייסְן אַז דִי רֶעגְן אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת, וִוילְן מִיר אַייךְ פְּרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס קוּקְט אוּנְז אוֹיס ווָאוּנְדֶערְלִיךְ: אַ) "פַאְרוָואס וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי נִישְׁט שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ שְׂכִיר יוֹם, אַ גֶעדוּנְגֶענֶער פַארְ'ן טָאג, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מְבַטֵל זַיין פוּן אַרְבֶּעטְן אֲפִילוּ פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט!" [דָאס דַארְפְן אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וִויסְן; מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט מִיט פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַאר יֶענֶעם קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן קַיין פְּרִיוַואטֶע אִימֶעילְס אָדֶער מַאכְן פְּרִיוַואטֶע טֶעלֶעפָאוֹן גֶעשְׁפְּרֶעכְן אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט!]

ב) "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הֶעלְצֶער אוֹיפְ'ן קְלֵייד נָאר גֶעלֵייגְט דִי הֶעלְצֶער בַּאזוּנְדֶער אוּן דִי קְלֵייד בַּאזוּנְדֶער?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי קְלֵייד אִיז נִישְׁט מַיינְס, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעבָּארְגְט, אוֹיף אָנְצוּטוּן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט רְשׁוּת אָבֶּער אוֹיף טְרָאגְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערֶע הֶעלְצֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רְשׁוּת!"

ג) "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי דֶעם גַאנְצְן וֶועג נִישְׁט אָנְגֶעטוּן קַיין שִׁיךְ נָאר וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַואסֶער?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט זֶען דִי עֶרְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי שְׁטֵיינֶער אוּן דֶערְנֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט דִי שִׁיךְ, הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיסְגֶעטוּן כְּדֵי עֶס נִישְׁט צֶערְגְרִינְד לֵייגְן, אָבֶּער אִין דִי וַואסֶער קֶען אִיךְ דָאךְ נִישְׁט זֶען דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אָנְטוּן דִי שִׁיךְ זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶענְג וְכַדוֹמֶה!"

ד) "פַארְוָואס וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ פוּן דֶערְנֶער הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי עֶקְן פוּן זַיין קְלֵייד?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "צֶערִיבֶּענֶע הוֹיט קֶען זִיךְ פַארְהֵיילְן, אָבֶּער אַ צֶערִיסֶענֶע קְלֵייד פַארְהֵיילְט זִיךְ נִישְׁט, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קְלֵייד עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן!"

ה) "פַארְוָואס אִיז דִי וַוייבּ אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן שֵׁיין בַּאצִירְט מִיט צִירוּנְגֶען?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "כְּדֵי אִיךְ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף אִיר אוּן נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן חַס וְשָׁלוֹם!"

ו) "פַארְוָואס וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז, אִיז דִי וַוייבּ אַרַיין צוּם עֶרְשְׁט, דֶערְנָאךְ דֶער רֶבִּי, אוּן נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַרַיינְגֶעלָאזְט, דִי הֲלָכָה אִיז דָאךְ (בְּרָכוֹת סא:) אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוּנְטֶער אַ פְרוֹי אֲפִילוּ נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַיין וַוייבּ זָאל בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער!"

ז) "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז נִישְׁט גֶעזָאגְט: 'קוּמְט עֶסְן מִיט מִיר'?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג בְּרוֹיט עֶנְק צוּ גֶעבְּן!"

ח) "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן עֶלְטֶערְן קִינְד נָאר אֵיין שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוּן פַארְ'ן יוּנְגֶערְן קִינְד צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ בְּרוֹיט?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער עֶלְטֶערֶער אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג גֶעהַאט עֶסְן, וִוידֶער דֶער יוּנְגֶערֶער בְּרוּדֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז עֶר בַּיינַאכְט מֶער הוּנְגֶערִיג!"

ט) "אוּן פַארְוָואס אִיז קוֹדֶם גֶעקוּמֶען רֶעגְן פוּן דִי זַייט פוּן דִי וַוייבּ אוּן נִישְׁט פוּנֶעם רֶבִּי'נְס זַייט?"; הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיר זְכוּת אִיז גְרֶעסֶער, וַוייל דִי פְרוֹי אִיז אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים גֶעבְּט זִי בְּרוֹיט פַאר אָרֶעמֶעלַייט וִוידֶער אִיךְ גֶעבּ זֵיי נָאר גֶעלְט, אָדֶער וַוייל זִי הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף רְשָׁעִים זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן דֶערְפַאר זֶענֶען אִירֶע זְכוּתִים גְרֶעסֶער פוּן מַיינֶע!"

זֶעט מֶען פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אַז סְתַּם אַזוֹי

זֶענֶען שְׁוֶוער אַסאַךְ קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים, מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ פַּארְוָואס טוּט דֶער צַדִּיק אַזוֹי אוּן אַזוֹי וְכוּ׳, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן אַלֶע קַשְׁיוֹת פַּארֶענְטְפֶערְט, מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס שְׁטוּמְט, דֶער צַדִּיק הָאט פּוּנְקְטְלִיךְ גֶעוואוּסְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו): "דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק, אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַּארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק וִוילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט מְתַקֵּן גֶעוֶועזְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ד): אוֹיבּ אַזוֹי, דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִּיק, וָואס זָאלְן מִיר טוּן, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אָן אַ צַדִּיק, דֶער צַדִּיק זָאל וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט וִוי אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט? נָאר - עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי נָתָן - דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה; אֲפִילוּ מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים, דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער גְלַייבְּן אִין אִים, אוּן גֶעדֶענְקְן וֶוער מֶען אִיז, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'אִיךְ וֵוייס דָאךְ וִויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר וָואס אִיז דֶען וֶוערְד מַיין שֵׂכֶל אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִּיק, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם צַדִּיק אֲפִילוּ וֶוען מַיין שֵׂכֶל פַּארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט אִינְגַאנְצְן', אוּן דוּרְךְ דִי 'אֱמוּנָה' אִינֶעם צַדִּיק וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַּארֶערְכְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמ): אַ צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ זִיגְל; אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט לֵיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת פוּן אַ זִיגְל וַוייל דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נָאר וֶוען מֶען זִיגְלְט דֶערְמִיט דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוואוּיר וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְ'ן זִיגְל, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ צַדִּיק, דֶעם צַדִּיק אַלֵיינְס קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אוֹיף אִים זַיינֶע הַשָּׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳, אָבֶּער דוּרְךְ זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אִים, מֶען זֶעט וִוי וואוּיל זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף - דֶערְקֶענְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל אַלֶע יָאר אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען דִי מִלְחָמָה. אוּן סֶע דָארְט גִיוֶועזְן אוֹיף דֶעם בַּאל אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה אוּן אַלֶע שָׂרָרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי מְלָכִים. אוּן מְהָאט דָארְט גִימַאכְט קָאמֶעדְיֶיעס. אוּן מְהָאט גִישְׁפֶּעט פוּן אַלֶע אוּמוֹת פוּן דֶעם טֶערְק אוּן פוּן אַלֶע אוּמוֹת. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיקְרוּמְט אִיטְלִיכֶער אוּמָה אַזוֹי וִוי זֵייעֶר נִימוּס אוּן זֵייעֶר פִירִיכְץ אִיז מִן הַסְתַּם הָאט מֶען פוּן יוּדִין אוֹיךְ גִישְׁפֶּעט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען דָאס סֵפֶר. וָואס דָארְט אִיז פַּארְשְׁרִיבְּן דִי נִימוּסִים אוּן דָאס פִירִיכְץ פוּן אִיטְלִיכֶער אוּמָה. אוּן אוּמִידוּם וִוי דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיף גִיעֶפְעֶנְט דָאס סֵפֶר הָאט עֶר גִיזֶעהֶן פוּנְקְט אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט דִי קַאמֶעדְיֶע פוּן זֵיי. וָוארִין מִן הַסְתַּם. דֶער וָואס הָאט גִימַאכְט דִי קָאמֶעדְיֶע. הָאט עֶר אוֹיךְ גִיזֶעהֶן דָאס סֵפֶר. דֶערְוַוייל וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיזֶעסְן אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר. הָאט עֶר גִיזֶעהֶן וִוי אַ שְׁפִּין קְרִיכְט אוֹיף דִי שַׁארְף פוּן דִי בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר. אוּן אוֹיף דִי בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אַ פְּלִיג. מִן הַסְתַּם וואוּ הִין גֵייט אַ שְׁפִּין צוּ אֵיין פְּלִיג. דֶערְוַוייל וִוי דִי שְׁפִּין אִיז גִיקְרָאכְן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער פְּלִיג. אִיז גִיקוּמֶען אַ וִוינְט אוּן הָאט אוֹיף גִיהוֹיבִּין דָאס בְּלֶעטִיל פוּן דֶעם סֵפֶר הָאט דִי שְׁפִּין נִישְׁט גִיקָאנְט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. הָאט זִי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט. אוּן הָאט זִיךְ קְלָאמִירְשְׁט גִימַאכְט. גְלַייךְ וִוי זִי קֶערְט זִיךְ אוּם. אוּן וִויל שׁוֹין נִיט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטְל אוּמְגִיקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט. הָאט וִוידֶער דִי שְׁפִּין גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דָאס בְּלֶעטְל. אוּן הָאט זִי נִיט גִילָאזְט הָאט זִיךְ דִי שְׁפִּין וִוידֶער אוּמְגִיקֶערְט. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועזְן עֶטְלִיכֶע מָאל. נָאךְ דֶעם אִיז וִוידֶער דִי שְׁפִּין גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער פְּלִיג אוּן אִיז אַזוֹי גִיקְרָאכִין בִּיז זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּער גִיחַאפְּט מִיט אֵיין פִיסְל אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְל. הָאט זִיךְ

וִידֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דָאס בְּלֶעטִיל. אוּן דִי שְׁפִּין אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַבִּיסְל אוֹיף דֶעם בְּלֶעטִיל. הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטִיל אַנִידֶערְ גִילֵייגְט אִין גַאנְצִין. בִּיז דִי שְׁפִּין אִיז גִיבְּלִיבְּן אוּנְטֶערִין בְּלֶעטְל צְווִישְׁן אֵיין בְּלֶעטִיל אוּן אַנְדֶערִין. אוּן זִי אִיז דָארְטְן גִיקְרָאכִין. אוּן אִיז אַלְץ גִיבְּלִיבְּן מַטָּה מַטָּה. בִּיז סֶע פוּן אִיר גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן (אוּן דִי פְּלִיג, וֶועל אִיךְ אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גִיטָאן).

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט דָאס אַלְץ גִיזֶעהְן. אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְווָאוּנְדֶערְט עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין לֶערֶע זַאךְ. נָאר מַווַייזְט אִים עֶפֶּעס אַזַאךְ דֶערְמִיט (אוּן דִי אַלֶע שָׂרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּקְט אוּן פַארְווָאוּנְדֶערְט זִיךְ דְרוֹיף) אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן. וָואס דָאס בַּאטַייט. אוּן עֶר אִיז אַנְדְרִימְלְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם סֵפֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע פְּשַׁט פוּן אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְ'ן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען. רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעס וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ; - דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן וָואס דָאס בַּאטַייט, אוּן עֶר אִיז אַנְדְרִימְלְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם סֵפֶר", וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן, קְוֶועטְשְׁן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן אִינֶעם לֶערְנֶען, וֶוערְט מֶען אַנְטְשְׁלָאפְן בִּיז מֶען הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען.

הָאט זִיךְ אִים גִיחָלוֹמְט. אַז עֶר הָאט גִיהַאלְטְן אִין דֶער הַאנְט אַ דוּמִיט. אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים גִיקוּקְט. זֶענֶען פוּן אִים אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען גוּזְמוֹת מֶענְטְשְׁן. הָאט עֶר אַרָאפּ גִיוָוארְפְן דֶעם דוּמִיט פוּן דֶער הַאנְט. אוּן דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי מְלָכִים. סֶע הֶענְגְט אִיבֶּער זֵיי זַיין פַּאטְרֶעט אוּן אִיבֶּער דֶעם פַּאטְרֶעט. הֶענְגְט דִי קְרוֹין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם. וִוי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם דוּמִיט הָאבִּין גִינוּמֶען דֶעם פַּאטְרֶעט. אוּן הָאבְּן אָפּ גִישְׁנִיטִין דֶעם קָאפּ. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען דִי קְרוֹין אוּן הָאבִּין אַרַיין גִיוָוארְפְן אִין דֶער בְּלָאטֶע אַרַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען גִילָאפְן צוּ אִים זֵיי זָאלִין אִים הַרְגִינֶען. הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַ בְּלֶעטִיל פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר אִיז גִילִיגְן דְרוֹיף. אוּן הָאט אִים פַארְשְׁטֶעלְט. הָאבְּן זֵיי אִים גָאר נִישְׁט גִיקָאנְט טָאן. זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן אִים. אוּן דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטִיל אוּם גִיקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט.

דערנָאךְ הָאבְּן זיי ווידער גיוואָלט אים הַרגענען הָאט זיךְ ווידער אויף גיהויבְּן דָאס בְּלֶעטִיל כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען כַּמָּה מָאל.

הָאט דֶער מֶלֶךְ זַייעֶר גִיוָואלְט זֶעהְן. וָואס פַאר אַ בְּלֶעטִיל סֶע אִיז אוֹיף אִים מֵגִין. (דְהַיְינוּ סֶע בַּאשִׁיצְט אִים) וָואסֶערֶע נִימוּסִים סֶע שְׁטֵייעֶן דְרוֹיף. פוּן וֶועלִיכֶער אוּמָה דָאס אִיז. הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ קוּקִין. אוּן עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. גִיוַואלְד. גִיוַואלְד. אוּן אַלֶע שָׂרִים וָואס זֶענֶען דָארְט גִיזֶעסִין. הָאבִּין גִיהֶערְט. הָאבִּין זַיי אִים גִיוָואלְט אוֹיף וֶועקִין. נָאר דָאס אִיז נִיט קֵיין נִימוּס. מֶען זָאל אַ מֶלֶךְ וֶועקִין. הָאבְּן זַיי גִיקְלַאפְּט אַרוּם אִים. כְּדֵי זַיי זָאלִין אִים אוֹיף וֶועקִין. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט.

דֶערְוַוייל אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען אַ הוֹיכֶער בַּארְג. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס שְׁרַייסְטוּ אַזוֹי. עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט. אַז אִיךְ שְׁלָאף. הָאט מִיךְ קֵיינֶער נִיט אוֹיף גִיוֶועקְט. אוּן דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיף גִיוֶועקְט. (אַזוֹי הָאט דֶער בַּארְג גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ) הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט: ווִי זָאל אִיךְ נִיט שְׁרַייעֶן. אַז זַיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר אוֹיף. אוּן ווִילְן מִיר הַרְגִינֶען. נָאר דָאס בְּלֶעטִיל אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין. הָאט אִים דֶער בַּארְג גִיעֶנְפֶערְט. אַז דָאס בְּלֶעטִיל אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין. בַּאדַארְפְסְטוּ קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ וָוארִין אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַסַאךְ שׂוֹנְאִים. נָאר דָאס בְּלֶעטְל אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין. קוּם וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: דָאס 'בְּלֶעטְל' - גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ ווִי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן פוּן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בִּשְׁעַת אַסַאךְ צַדִּיקִים זֶענֶען אַרוֹיס אַנְטְקֶעגְן דֶעם 'לִימּוּד דַף הַיּוֹמִי'? אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶעם לִימּוּד הָאט הַגָּאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן. ווַייל דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶע'רוֹדְפְ'ט אוּן מְבַזֶּה גֶעוֶוען, אוּן וֶוען דִי גְרֶענִיצְן פוּן פּוֹילְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שׁוּם וֶועג צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן פוּן זַיין יְשִׁיבָה 'יְשִׁיבַת חַכְמֵי לוּבְּלִין' פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען בְּמֶשֶׁךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אַלֵיינְס הָאט אוֹיךְ מִיט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם לִימּוּד בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי 'אֲגֻדַּת יִשְׂרָאֵל פַּארְטֵיי', זַיי הָאבְּן גֶעזוּכְט ווִי אַזוֹי זַיי קֶענֶען כַאפְּן דִי וֶועלְט מִיט אַלֶע גְדוֹלִים וְכוּ', הָאבְּן זַיי פְּרַאקְלָאמִירְט דֶעם לִימּוּד בַּיי זַייעֶר כְּנֶסִיָּה הַגְּדוֹלָה; דֶערִיבֶּער זֶענֶען דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר גֶעוֶוען זַייעֶר אַנְטְקֶעגְן דֶעם לִימּוּד אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זַייעֶר וֶועג, כְּדֵי מֶען זָאל זַיי נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין חִיזּוּק וְכוּ', אָבֶּער הַיינְט צוּ טָאגְס - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ - שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט 'אֲגֻדַּת יִשְׂרָאֵל', דֶער גַאנְצֶער פַּארְטֵיי אִיז שׁוֹין צֶעשְׁפְּלִיטֶערְט אוּן צֶעטֵיילְט אוֹיף עֶקְסְטֶערֶע פַּארְטֵייעֶן, יֶעדֶער פוּן זַיי זוּכְט נָאר כָּבוֹד אוּן גֶעלְט וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז זַייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

## גֶערַאטֶעוֶועט פוּן תְּפִיסָה

אֵיינְמָאל, זַייעֶנְדִיג אִין אוּמַאן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַלְס חָתָן, עֶר פְלֶעגְט זַיין אַ פְּרֵיילִיכֶער בָּחוּר וְכוּ', אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אוֹיף אִים אַז עֶפֶּעס אִיז עֶר זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר?" הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר וואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד, אֵיין טָאג הָאט פַּאסִירְט אַז אַ אִינְגְל וָואס גֵייט אִין דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט צוּ גֵיין אִין חֵדֶר מִיט אַלֶע קִינְדֶער, הָאט דִי מַאמֶע אִים גֶעגֶעבְּן עֶר זָאל מִיטְנֶעמֶען אִיר קִינְד מִיטְ'ן קַאר צוּם חֵדֶר, אָנְקוּמֶענְדִיג אִין חֵדֶר הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם קִינְד אִינֶעם

קאר און אִיז אַרַיין צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דֶעם קִינְד אַלֵיינְס, אַפָּאר שָׁעָה דֶערוֹיף הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמָאנְט פוּנֶעם קִינְד, אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם קִינְד, לֵיידֶער הָאט דֶער קִינְד שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֶעבְּט לֹא עָלֵינוּ... אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמְט זִיךְ פַאר אַזַא זַאךְ, פַארְ'ן אִיבֶּערְלָאזְן אַ קִינְד אַלֵיינְס אִין קאר - תְּפִיסָה פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, דֶערְפַאר אִיז עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר וֶועט דִיר בְּעֵזֶר הַשֵּׁם הֶעלְפְן", עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ אַז עֶס דְרָאעֶט אִים תְּפִיסָה פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי זָאגְט 'ווִילַאנְג דֶער דַף אִיז אוֹיף דִיר מֵגֵן דַארְפְסְטוּ פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן', דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא אוּן דוּ וֶועסְט נִצָּל וֶוערְן פוּן זֵיי", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ פַארְגֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז מִיט נִסֵּי נִסִּים נִצָּל גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט.

## אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי אִיךְ רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טוּן דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז 'אַלֶע בָּחוּרִים וָואס וֶועלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה', הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַ בָּחוּר, דֶער בָּחוּר הָאט טַאקֶע גֶעלֶערְנְט פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ חָתָן דֶעם פֶערְצִיגְסְטְן טָאג, הָאט דֶער בָּחוּר מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו זִיךְ בַּאדַאנְקְן פַאר דִי סְגוּלָה, אוּן הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר ווֵייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז אַ מוֹפֵת פוּן 'מוֹהֲרָא"שׁ' אָדֶער הָאט דָאס גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ נָאר דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ מוֹפֵת פוּן לֶערְנֶען 'גְּמָרָא', ווַייל דוּרְךְ לֶערְנֶען גְּמָרָא קֶען מֶען אוֹיךְ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן...; זָאג אִיךְ אִים, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי דוּ וֶועסְט עֶס אָנְרוּפְן 'אַ מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ' אָדֶער 'אַ מוֹפֵת פוּן לֶערְנֶען גְּמָרָא', מִיר גֵייט נִישְׁט אָן אִין וָואס מֶען הֶענְגְט אָן דִי סְגוּלָה, מַיין צִיל אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין בָּחוּרִים מֶען זָאל טוּן דִי סְגוּלָה פוּן לֶערְנֶען פֶערְצִיג מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אַלֵיינְס בַּאשְׁלִיסְן וֶועמֶענְ'ס סְגוּלָה עֶס אִיז...

## טֶערֶעפִּי - אַ לִיגֶענְט!

הַיינְט [יז שְׁבָט] אִיז דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן, דֶער טָאג פוּן אַ יָארְצַייט פוּן אַ צַדִּיק אִיז מְסוּגָל צוּ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת, ווַייל אַ 'חֲתוּנָה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף אַרָאמִישׁ 'הִלּוּלָא', קוּמְט אוֹיס אַז אַ יוֹמָא 'דְהִילוּלָא' אִיז אַזוֹי ווִי אַ חֲתוּנָה, בַּיי אַ חֲתוּנָה טֵיילְט דֶער חָתָן מַתָּנוֹת פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען אִים וואוּנְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ טֵיילְט דֶער צַדִּיק אוֹיס מַתָּנוֹת פַאר וֶוער עֶס בֶּעט.

מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן, בִּפְרַט אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דַאוֶונֶען בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר ווִילְן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן; וָואס מֵיינְט אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן אַ צַדִּיק? אַז מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, מֶען פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת. לָאמִיר זִיךְ פַארְנֶעמֶען זִיךְ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', לָאמִיר אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט פוּן טָאג אוּן גֵיין אִין אַ זַייט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם 'הִתְבּוֹדְדוּת' פַאר דַיין טֶערֶעפִּיסְט, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין גַאנְצֶע ווֵייטָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, בְּעֶפָאר עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הֶערְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעצָאלְט אִיבֶּער דֶעם רִיזְן סְכוּם פוּן "הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער" פַאר זַיין טֶערֶעפִּי! אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן, אַזַא רִיזְן סְכוּם?! אָבֶּער עֶר הָאט מִיר עֶס פּוּנְקְטְלִיךְ מַסְבִּיר גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי דֶער סְכוּם שְׁטוּמְט, הַשֵּׁם יְרַחֵם. דִי וָואךְ נָאךְ אַ גְּמָרָא שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶערְצֵיילְט דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בָּחוּר, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, בְּעֶפָאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן הָאט עֶר

אוֹיסְגֶעלֵייגְט דֶעם זֶעלְבְּן רִיזְן סְכוּם פַּאר טֶערֶעפִּי, עֶר הָאט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט אַלֶע טֶערֶעפִּיסְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֵיינֶער רֶעדְט פוּן קָאלִירְן... אֵיינֶער רֶעדְט פוּן נוּמֶערְן... אוּן אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת.

וָואס גֶעשֶׁעט טַאקֶע וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן? - וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְן פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַדוּרְךְ, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּן יֶעדְן טָאג גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וֵוייטָאג.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז אַז דִי גְרֶעסְטֶע לִיגְנְט וָואס מֶענְטְשְׁן לִיגְן דֶערִין אִיז: 'חֲבֵרִים', מֶען מֵיינְט 'דֶער אִיז מַיין חַבֶר', 'יֶענֶער אִיז מַיין חַבֶר', אִין דִי צַייט וָואס זֵיי אַלֶע מֵיינֶען זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע, דִי אַלֶע חֲבֵרִים וֶועלְן דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן וֶוען דוּ וֶועסְט אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶועריקֵייטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ חַבֶר, אוֹיב הָאט מֶען אַ חַבֶר אִיז דָאס דִי וַוייב; אָבֶער הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע לִיגְנְט אִין וָואס מֶענְטְשְׁן לִיגְן אִיז: 'טֶערֶעפִּי'; יֶעדֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ טֶערֶעפִּי, הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין אֶפְשָׁר זָאגְן, נִישְׁט 'יֶעדֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ' גֵייט צוּ טֶערֶעפִּי, נָאר 'יֶעדֶער מֶענְטְשׁ' גֵייט צוּ טֶערֶעפִּי...; אָבֶער אַז מִיר הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן פוּן דִי אַלֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, לָאמִיר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן וְכוּ', גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, פְּרוּבִּיר מִיר אוֹיס מִיט דֶעם, אוֹיב וֶועסְטוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען בְּעֶזֶר הַשֵּׁם אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה".

דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אִין אַ אָפִיס מִיט פְּרוֹיעֶן וְכוּ', עֶר פִילְט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אִים, גֵיי אַרוֹיס פוּן אָפִיס, גֵיי אִין אַ זַייט, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן זַיינֶע הֶענְט אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זִינְדִיגְן", נָאכְדֶעם וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיק אַרַיינְגֵיין אִין אָפִיס וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי גַאנְצֶע נִסָיוֹן אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן. בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע נִסָיוֹן נָאר אַ דִמְיוֹן, דוּ קֶענְסְט סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט הָאבְן מִיט אַנְדֶערֶע וְכוּ', אַז דוּ וֶועסְט נָאר אָנְהֵייבְּן רֶעדְן אֵיין וָוארְט וֶועט מֶען דִיר לֵייגְן אִין תְּפִיסָה מִיט קֵייטְלֶען... נָאר אִין דִמְיוֹן קוּקְט עֶס אוֹיס וִוי אַ נִסָיוֹן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

הָאט עֶר אִים גִיוִויזְן. וִוי אַרוּם דֶעם בַּארְג שְׁטֵייעֶן אַלָפִים וּרְבָבוֹת שׂוֹנְאִים. אוּן זֵיי מַאכְן סְעוּדוֹת אוּן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן כְּלֵי זֶמֶר שְׁפִּילֶען אוּן זֵיי טַאנְצִין. אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז וָואס אַ כִּיתִּי פוּן זֵיי טְרַאכְט אֵיינֶער אוֹיס אוּן פַאלְט אוֹיף אַ חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַזוֹי מַאכִין זֵיי אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ סְעוּדָה אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען טַאנְצְט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע כִּיתִּי (דְהַיְינוּ אַ טֵייל) פוּן זֵיי. נָאר דָאס בְּלֶעטְל פוּן דִי נִמוּסִים וָואס סֶע אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין. אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין.

אוּן אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג אִיז אַ טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן דִי נִימוּסִים פוּן דֶעם בְּלֶעטְל וָואס סֶע מֵגִין אוֹיף אִים. פוּן אַ וָואסִירֶע אוּמָה סֶע אִיז. נָאר מַחֲמַת דֶער בַּארְג אִיז הוֹיךְ. קָאן מֶען נִיט לֵיינֶען דָאס כְּתַב. נָאר אוּנְטְן אִיז גִיוֶוען אַ טַאבְּלִיצֶע. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער סֶע הָאט אַלֶע צֵיין. דֶער קָאן אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גִיגֶעבִּין אַז סֶע וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ גְרָאז דָארְט וִוי מֶען בַּאדַארְף אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַז וֶוער סֶע קוּמְט אַהִין. פַאלִין אִים אַרוֹיס אַלֶע צֵיין. סַיי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ פוּס. סַיי עֶר הָאט גִירִיטְן. סַיי עֶר אִיז גִיפָארִין אִין אַ וָואגִין מִיט בְּהֵמוֹת. זֶענֶען אַלְץ אַלֶע צֵיין אַרוֹיס גִיפַאלִין. זֶענֶען דָארְט גִילֶעגְן הוֹיפִין וַוייס מִיט צֵיין. אַזוֹי וִוי בֶּערְג.